Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 19, נומער 1 (91)

כּיסלו תשע"ד/נאָוועמבער 2013

# דער קליינער ניקאָלאַ רעדט ייִדיש

אין פֿראַנקרײַך איז נאָר וואָס דערשינען די ייִדישע איבערזעצונג פֿון *דעם קליינעם ניקאָלאַ*[1], אַ באַרימט בוך פֿאַר קינדער (און אויך פֿאַר דערוואַקסענע וואָס האָבן עס שטאַרק ליב !). דער העלד איז אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר 8–9 וואָס דערציילט וועגן זײַן לעבן אין שול און אין דער היים. רענע גאָסיני[2] האָט אָנגעשריבן די טעקסטן און דער קינסטלער סעמפּע[3] האָט זיי אילוסטרירט. סעמפּע איז שוין לאַנג באַרימט אין פֿראַנקרײַך מיט זײַנע פּילצאָליקע זאַמלונגען קאָמישע (און פֿילאָסאָפֿישע) צייכענונגען[4], און איצט באַקאַנט אין אויסלאַנד מיט זײַנע הילעס[5] פֿאַרן זשורנאַל[6] *ניו־יאָרקער*.

דער ערשטע מעשׂיות[7] פֿונעם *קליינעם ניקאָלאַ* איז אַרויס אין 1955. זינט דעמאָלט האָט זיך דער העלד נישט געביטן. אויך נישט די שול, די נעמען פֿון די קינדער און דער גאַנצער אַרום[8] : דאָס אַלץ איז טיפּיש פֿאַר די פּופֿציקער יאָרן און פֿראַנצייזיש שבפֿראַנצייזיש[9]...

און פֿאָרט[10] געפֿעלט עס שטאַרק ביז הײַנט צו טאָג און ניט נאָר אין פֿראַנקרײַך, נאָר אומעטום אין דער וועלט. בקיצור[11] – דער קליינער ניקאָלאַ איז איינער פֿון די אַזוי גערופֿענע „פֿראַנצייזישע פּאַראַדאָקסן“. אפֿשר[12] קען מען געפֿינען אַ דערקלערונג אין רענע גאָסיניס לעבן ? דער שרײַבער שטאַמט פֿון אַ ייִדישער משפּחה[13]. דער טאַטע, שׂימחה[14], איז אָנגעקומען פֿון וואַרשע און האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה[15]. די מאַמע איז אָנגעקומען פֿון אוקרײַנע אין 1912. אירע טאַטע־מאַמע (וואָס האָבן געהייסן בערעזניאַק) האָבן געהאַט אין פּאַריז אַ דרוקערײַ[16]. אליעזר[17] בערעזניאַק האָט אויך צונויפֿגעשטעלט אַ ייִדיש־העברעיִש ווערטערבוך אַרויסגעגעבן אין יאָר 1939. ווען רענע גאָסיני איז אַלט געווען 2 יאָר, איז די משפּחה אַוועק קיין בוענאָס־אײַרעס ווו דער טאַטע האָט געאַרבעט ווי אַ כעמיקער און צו מאָל, צוליב דער אַרבעט, אַרומגעפֿאָרן מיט זײַן קליין זונדל אין באַראָן הירשעס ייִדישע קאָלאָניעס. שפּעטער, נאָך ווי אַ יונגער בחור[18] האָט רענע זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, אַרומגעפֿאָרן איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן, און אין 1951 זיך באַזעצט אין פּאַריז. אַזוי איז ער געווען אַן אמתער[19] ייִד אַ וואַנדערער און אַ קאָסמאָפּאָליט...

און אפֿשר דערפֿאַר שמעקט *דער קליינער ניקאָלאַ* פֿאַר אַלע לייענער מיט דער אייביקייט און אידעאַלקייט פֿון קינדהייט אין פֿראַנקרײַך אין די פּופֿציקער יאָרן...

די איצטיקע אויסגאַבע[20] איז אַן איבערזעצונג פֿונעם לעצטן באַנד „ניקאָלאַ־מעשׂיות“. עס איז אַרויס אין אַ סעריע וואָס הייסט „דער קליינער ניקאָלאַ אין די שפּראַכן פֿון פֿראַנקרײַך“ – און ייִדיש געפֿינט זיך אויף דער דאָזיקער ליסטע, צוזאַמען מיט ברעטאָניש, קאָרסיקאַניש צי בערבעריש. דאָס בוך האָבן איבערגעזעצט אויף ייִדיש זשיל ראָזיע[21] און שרון בר־כּוכבֿא[22], וואָס איר קענט לייענען אַ שמועס מיט איר אויף ז' 8.



רענע גאָסיני

זשאַן־זשאַק סעמפּע




www.facebook/Lepetitnicolas.com

1. *Le Petit Nicolas* 2. René Goscinny (1926-1977) 3. Jean-Jacques Sempé (né/born/נולד ב 1932) 4. dessins/drawings/ציורים 5. couvertures/covers/עמודי שער 6. revue/magazine/כתב עת 7. MAYSES histoires/stories 8. milieu/סביבה 9. ... SHEBEFRANTSEYZISH ultra-français/utterly French/מאוד צרפתי 10. pourtant/and yet/למרות זאת 11. BEKITSER bref/in short 12. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 13. MISHPOKHE famille/family 14. SIMKHE 15. MILKHOME guerre/war 16. imprimerie/printing shop/בית דפוס 17. ELIEZER 18. BOKHER jeune homme/young man 19. E'MESER véritable/real/אמיתי 20. édition/מהדורה 21. Gilles Rozier 22. Sharon Bar-Kochva.

# עספּעראַנטאָ און ייִדיש

## פֿון אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע[1]

| Salutformoj. | | בעגריסונגספֿאָרמען. |
|---|---|---|
| Bonan matenon! | Bonan tagon! | גוט מאָרגן! |
| | Bonan tagon! | אַ גוטן טאָג! |
| | Bonan vesperon! | גוטן אָוונט! |
| | Bonan nokton! | גוטע נאַכט! |




**אויבן: פֿונעם עספּעראַנטאָ־לערנבוך פֿון י. לייזעראָוויטש. רעכטס: זאַמענהאָפֿ פּאָרטרעט אויף אַ דאָקומענט פֿון פּאָרטוגעזישע עספּעראַנטיסטן.**

די געשיכטע פֿון אויסגעטראַכטע[2] צי קינסטלעכע[3] שפּראַכן איז אַ לאַנגע און אַן אינטערעסאַנטע, נאָר דער ענין[4] איז גאָר ווייניק באַקאַנט צווישן אַ ברייטערן עולם[5]. מיט איין אויסנאַם[6]: אַפֿילו[7] אויב איר האָט קיין שום[8] געדאַנק ניט וואָס איז סאָלרעסאָל, אינטערלינגוואַ, לאָגלאַן צי קלינגאָן[9], האָט איר זיכער עפּעס געהערט וועגן עספּעראַנטאָ — כאָטש[10] דעם נאָמען אַליין.

### דער טאַטע פֿון עספּעראַנטאָ

דער שעפֿער[11] פֿון עספּעראַנטאָ, לייזער (לודוויק) זאַמענהאָף[12] (1859–1917), איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק (פּוילן). שפּעטער האָט די משפּחה[13] זיך איבערגעצויגן קיין וואַרשע[14], ווּ זײַן טאַטע האָט געקראָגן אַ שטעלע[15] ווי אַ צענזאָר פֿון ייִדישע פּובליקאַציעס. נאָך אין גימנאַזיע[16] האָט זאַמענהאָף אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ פּראָיעקט פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך. צום באַדויערן האָט דער שטרענגער[17] טאַטע, ווילנדיק אַז דער זון זאָל טראַכטן נאָר וועגן זײַנע פֿאָרקומענדיקע מעדיצין־שטודיעס, פֿאַרברענט אַלע זײַנע נאָטיצן. אָבער זאַמענהאָף האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט[18] פֿון זײַן געדאַנק. אין 1887, שוין אַרבעטנדיק ווי אַן אויגן־דאָקטער, האָט ער פּובליקירט אַ גראַמאַטיק פֿון זײַן נײַער שפּראַך. דאָס קליינע ביכעלע איז געווען אונטערגעשריבן מיט דעם פּסעוודאָנים „דאָקטאָר עספּעראַנטאָ“, וואָס מיינט „דער, וואָס האָפֿט“. די ערשטע ענטוזיאַסטן האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו רופֿן די שפּראַך אַליין, וואָס האָט אין די קומענדיקע יאָרן צוגעצויגן צענדליקער טויזנטער מענטשן און געבוירן אַ גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג[19].

### ייִדיש און עספּעראַנטאָ

וואָס זענען אָבער די באַציִונגען[20] צווישן עספּעראַנטאָ און ייִדיש? אַוודאי[21] איז ייִדיש געווען זאַמענהאָפֿס מאַמע־לשון[22] און, לויט געוויסע פֿאָרשער[23], האָט עס אים געדינט ווי אַ מאָדעל פֿאַר עספּעראַנטאָ. אַזוי ווי ייִדיש פֿאַרמאָגט עטלעכע קאָמפּאָנענטן – דעם גערמאַנישן, דעם סלאַווישן, דעם לשון־קודשדיקן[24], קומען אויך די שרשים[25] פֿון ווערטער אין עספּעראַנטאָ פֿון עטלעכע קוואַלן: ס׳רובֿ[26] פֿון ראָמאַנישע, אָבער אַ טייל אויך פֿון גערמאַנישע און סלאַווישע שפּראַכן. אַגבֿ[27], לויט אַ טשיקאַווע[28] לינגוויסטישן היפּאָטעז, קען מען באַמערקן אַ ייִדישן אײַנפֿלוס אין גערמאַניש־אָפּשטאַמיקע עספּעראַנטישע ווערטער. זאַמענהאָף האָט זיך אויך פֿאַרנומען מיט דער לינגוויסטיק פֿון ייִדיש גופֿא[29]. ס׳איז ווייניק באַקאַנט אַז אַרום 1879 האָט ער אָנגעשריבן אַ גראַמאַטיק, ווו ער האָט געפּרוּווט צו סטאַנדאַרדיזירן די ייִדישע שפּראַך און האָט געהאַט גאַנץ ראַדיקאַלע פֿאָרלייגן, צום בײַשפּיל, אַז מע זאָל בעסער ניצן דעם לאַטײַנישן אַלף־בית[30] אַנשטאָט די ייִדישע אותיות[31].

### איבערזעצונגען פֿון ייִדיש

וואָס שייך[32] די איבערזעצונגען פֿון ייִדיש אויף עספּעראַנטאָ, האָט זאַמענהאָף אַליין[33] איבערגעזעצט שלום־עליכמס[34] אַ מאָנאָלאָג. פֿון העברעיִש האָט ער איבערגעזעצט טיילן פֿון תּנך[35]. אין אַלגעמיין איז דאָס איבערזעצן באַקאַנטע ליטעראַרישע ווערק אויף עספּעראַנטאָ געווען אַ פֿאַרשפּרייטע טעטיקייט צווישן פֿאַרברענטע[36] עספּעראַנטיסטן, אָבער געדרוקטע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש זענען אַלע מאָל געבליבן גרויסע זעלטנקייטן. אין 1922 איז אַרויס אין לײַפּציג אונטערן טיטל *Hebreaj rakontoj* (*ייִדישע דערציילונגען*) אַ זאַמלונג דערציילונגען פֿון שלום־עליכם און יצחק־לייבוש פּרץ[37]. אַ באַוווּסטער ייִדישער עספּעראַנטיסט פֿון לאָדזש, ישׂראל[38] לייזעראָוויטש (1901–1944), האָט איבערגעזעצט ש. אַנ־סקיס דראַמע *דער דיבוק*[39]: *צווישן צוויי וועלטן* (*Dibuk: inter du mondoj*, 1927) און שלום אַשעס די *כּישוף־מאַכערין פֿון קאַסטיליען*[40] (*La Sorĉistino el Kastilio*, 1933). לייזעראָוויטש האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ לערנבוך פֿון עספּעראַנטאָ אויף ייִדיש (*לערנבוך פֿון דער אינטערנאַציאָנעלער שפּראַך עספּעראַנטאָ*, 1926), איינס פֿון די צאָלרײַכע[41] עספּעראַנטאָ־לערנביכער פֿאַרן ייִדישן לייענער. עס עקסיסטירט אויך אַן *עספּעראַנטאָ־ייִדיש ווערטערבוך* צונויפֿגעשטעלט פֿון י. ראָזענבאַום אין וואַרשע אין 1933.

### הײַנט צו טאָג

פֿון אָנהייב אָן איז עספּעראַנטאָ געווען אַ דערהויבענע אידעע פֿון פֿרײַנדשאַפֿט, ברידערלעכקייט און שלום[42] צווישן אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. אַלע דיקטאַטורן האָבן דערין געזען אַ סכּנה[43] און עס גערודפֿט[44]. נישט געקוקט אויף דעם[45] לעבט די באַוועגונג ווײַטער. הײַנט צו טאָג איז שווער צו שאַצן[46] וויפֿל מענטשן קענען די שפּראַך ווײַל מע וואָלט געדאַרפֿט אויספֿרעגן אײַנוווינער פֿון אַלע לענדער. די צאָל ווערט געשאַצט צווישן הונדערט טויזנט און צוויי מיליאָן עספּעראַנטאָ־רעדערס. נו, איז דאָס נאָך אַ פּאַראַלעל מיט ייִדיש!



1. Akvile Grigoraviciute 2. inventés/invented/מומצאים 3. artificiels/artificial/מלאכותיים 4. INYEN sujet/subject 5. OYLEM public/הקהל הרחב 6. exception/יוצא מן הכלל 7. AFILE même/even 8. .. SHUM aucun/not the slightest 9. solresol, interlingua, loglan, klingon - נעמען פֿון פֿיר אויסגעטראַכטע שפּראַכן 10. au moins/at least/לכל הפחות 11. créateur/creator/יוצר 12. Ludwik Lejzer Zamenhof 13. MISHPOKHE famille/family 14. Varsovie/Warsaw/וורשה 15. emploi/job/משרה 16. lycée/high school/בית ספר תיכון 17. strict/קפדן 18. renoncé/give up/וויתר 19. mouvement/movement/תנועה 20. rapports/relations/קשרים 21. AVADE bien sûr/of course/כמובן 22. ...-LOSHN langue maternelle/mother tongue/שפת אם 23. chercheurs/scholars/חוקרים 24. LOSHN-KO'YDESHDIKN hébraïque/Hebrew/עברי 25. SHROSHIM racines/roots/שורשים, *sing.* שורש SHOYRESH 26. S'ROV la plupart/mostly/ברובם 27. AGEV à propos/by the way 28. curieux/curious/מסקרן 29. GUFE proprement dit/itself/עצמו 30. ALEF-BEYS alphabet 31. OYSYES lettres/letters, *sing.* אות OS 32. ... SHAYEKH en ce qui concerne/as for/בנוגע ל 33. lui-même/himself/בעצמו 34. SHOLEM-ALEYKHEMS de/by/מאת Sholem-Aleykhem 35. TANA'KH Bible hébraïque/Hebrew Bible 36. zélés/fervent/נלהבים 37. YITSKHOK ... PERETS I. L. Peretz 38. YISROEL 39. DIBEK *Le dibouk* de Sh. An-ski/*The Dybbuk* by Sh. Ansky/*הדיבוק* מאת ש. אנ–סקי 40. ... KISHEF-... *La Sorcière de Castille*/*The Witch of Castille*/המכשפה מקשטיליה de/by/מאת Sholem Asch 41. nombreux/numerous/רבים 42. SHOLEM paix/peace 43. SAKONE danger 44. GEROYDEFT persécuté/persecuted/רדפו 45. malgré cela/in spite of this/למרות זאת 46. estimer/estimate/להעריך.

# דער זעקסטער זומערקורס אין שטראַסבורג

## פֿון דאָריס ענגעל





**די קלעזמאָרים (אויבן) און אַלע אָנטייל־נעמער אינעם קורס. בילד פֿון ערווע קאָנרואַ.**
© Hervé Conroy

הײַיאָר[1] האָט דער שטראַסבורגער לופֿטעאַטער[2] צום זעקסטן מאָל אָרגאַניזירט אַ זומערקורס פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אינעם קורס, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿונעם 22סטן יולי ביזן 2טן אויגוסט, האָבן אָנטייל גענומען[3] איבער זעכציק תּלמידים[4], געקומענע פֿון דער גאַנצער וועלט: פֿון מיזרח[5]־ און מערבֿ[6]־אייראָפּע, פֿון אַרגענטינע, אויסטראַליע און ישׂראל[7]. די עלטסטע תּלמידה[8], חיהלע[9], איז געקומען פֿון מעקסיקע, ווּ זי איז געווען אַ ייִדיש־לערערקע במשך[10] פֿון פֿערציק יאָר.

אַזוי אַרום איז ייִדיש געווען באמת[11] דאָס געמיינזאַמע לשון[12] פֿון די אָנטייל־נעמער.

צום צווייטן מאָל איז דער קורס פֿאָרגעקומען אין דעם אייראָפּעיִשן צענטער פֿאַר דער יוגנט[13]. מע האָט דאָרטן געקענט ניט נאָר לערנען, נאָר אויך טאַנצן, זינגען, מוזיצירן, עסן, טרינקען און אַפֿילו[14] שלאָפֿן – אַלץ אויפֿן אָרט.

דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פֿונעם קורס איז געווען רפֿאל גאָלדוואַסער[15]. צוליב דער גרויסער צאָל תּלמידים האָט ער זיך דאָס מאָל אויך פֿאַרנומען מיט לערערײַ און איז געוואָרן אַ דרדקי־מלמד[16] פֿאַר אָנהייבערס.

אויף דער ערשטער און צווייטער מדרגה[17] האָבן געלערנט אַניק פּרים־מאַרגוליס[18] און שרון בר־כּוכבֿא[19] פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – גראָטענע[20] און געניטע[21] לערערקעס וואָס זענען שוין געווען אין שטראַסבורג אַ פּאָר מאָל.

אויף דער דריטער מדרגה האָט געלערנט צום ערשטן מאָל קאַראָלינאַ שימאַניאַק[22] פֿון פּוילן – אַן אויסערגעוויינטלעכע[23] לערערקע, וואָס איר וויסן איז אָן אַ דנאָ[24], דערצו אַ פֿריילעכע יונגע פֿרוי, וואָס לאַכט און ווילצט זיך, קען אויך זינגען, טאַנצן און שפּילן טעאַטער, איז העכסט עלעגאַנט מיט אירע שיינע „ווינטאַזש“[25]־קליידער – און וואָס ניט? מיט איר האָבן מיר מיט גרויס פֿאַרגעניגן געלייענט פּראָזע־ווערק און זכרונות[26] אָנגעשריבענע דורך פֿרויען. עטלעכע פֿון די מחברטעס[27] זענען באַרימט (ווי צום בײַשפּיל גליקל האַמל[28] אָדער אסתּר קרייטמאַן[29]), נאָר אַנדערע זענען פֿיל ווייניקער באַקאַנט (ווי הינדע בערגנער, די מאַמע פֿונעם באַקאַנטן ייִדישן שרײַבער פֿון פּוילן, מלך ראַוויטש[30]).

נאָך מיטאָג זענען פֿאָרגעקומען די וואַרשטאַטן[31]: „וואַכט אויף[32]“ – ייִדישע לידער פֿון נויט און קאַמף, אָנגעפֿירט דורך דער זינגערין אַסטריד רוף[33], טאַנץ־וואַרשטאַט מיט חיהלע זילבערבערג־דאָמערג[34] און פֿיר (זייער) לעבעדיקע כּלי־זמרים[35], ווי אויך ניגונים[36]־וואַרשטאַט מיט וואַלערי טאָמינעז[37].

זונטיק דעם 28סטן יולי האָבן די תּלמידים געקענט אַנטדעקן די רײַכע ייִדישע קולטור־ירושה[38] פֿון עלזאַס[39], אַ דאַנק אַן עקסקורסיע אָנגעפֿירט דורכן היסטאָריקער זשאַן־פּיער לאַמבער[40]. מיר האָבן באַזוכט דערפֿער ווּ ייִדן האָבן געוווינט, באַקוקט עטלעכע שולן[41], מיקוואָות[42], בית־עולמס[43]...

דעם 1טן אויגוסט האָבן מיר געטאַנצט. איבער הונדערט מענטשן האָבן זיך פֿאַרווײַלט[44] אינעם שטראַסבורגער קאָנטאַדע[45]־פּאַרק, טאַנצנדיק ווי פֿאַרכּישופֿט[46] האָרע, פֿריילעכס און שער[47] אונטער דער אָנפֿירונג פֿון חיהלע זילבערבערג־דאָמערג באַגלייט דורך די כּלי־זמרים.

און שוין איז געקומען דער לעצטער אָוונט. נאָך דער וועטשערע[48] האָבן די לערערקעס צעטיילט די דיפּלאָמען, דערנאָך האָט פּאָלינאַ בעלילאָווסקי[49], אַ זינגערין וואָס האָט אָנטייל גענומען אינעם קורס, געזונגען אויף ייִדיש לידער פֿון עדיט פּיאַף. לערער און תּלמידים פֿונעם זינגוואַרשטאַט האָבן צוזאַמען געזונגען אַרבעטער־לידער, ווי אויך אַנדערע לידער אויף ייִדיש און אויף פּויליש, און צום סוף[50] האָט מען אַפֿילו געקענט הערן דאָס ליד „איך וועל באַשטיין“[51] אין ייִדישער איבערזעצונג. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער זומערקורס און מיר האָבן זיך געזעגנט[52], אויסגעמוטשעטע[53] נאָר שטאַרק צופֿרידענע. לאָמיר זיך ווידער טרעפֿן אין שטראַסבורג אין 2016!



1. cette année/this year/השנה 2. LufTeater (www.lufteater.com) 3. ont participé/took part/השתתפו 4. TALMIDIM étudiants/students 5. MIZREKH de l'Est/eastern 6. MAYREV de l'ouest/western 7. YISROEL Israël 8. TALMIDE étudiante/student (*fem.*) 9. KHA'YELE 10. BEMESHEKH pendant/for 11. BEEMES vraiment/really 12. ... LOSHN langue commun/common language/שפה משותפת 13. Centre européen de la jeunesse 14. AFILE même/even 15. REFOEL Rafaël Goldwaser 16. DA'RDEKE-MELAMED maître pour les plus petits enfants/teacher of the youngest children/מורה לילדים קטנים 17. MADREYGE niveau/level/רמה 18. Annick Prime-Margules 19. Sharon Bar-Kochva 20. douées/gifted/מוכשרות 21. expérimentées/experienced/מנוסות 22. Karolina Szymaniak 23. extraordinaire/extraordinary/יוצאת מן הכלל 24. sans fond/bottomless/ללא תחתית 25. rétro/vintage/ווינטג׳ 26. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 27. MEKHA'BERTES auteures/authors (*fem.*)/סופרות 28. Glikl Haml (Gluckel Hameln)/Glikl (Gluckel) of Hameln/גליקל מהמלין (1646-1724) 29. ESTER Esther Kreitman (1891-1954) 30. MEYLEKH Ravitsh 31. ateliers/workshops/סדנאות 32. Réveillez-vous !/Awake!/עורו ! 33. Astrid Ruff 34. Hélène Silberberg-Domergue 35. KLEZMORIM musiciens/musicians/מוזיקאים 36. NIGUNIM mélodies/ניגונים חסידיים 37. Valérie Tominez 38. YERUSHE héritage/מורשת 39. Alsace/אלזס 40. Jean-Pierre Lambert 41. synagogues/בתי כנסת 42. MIKVOES bains rituels/ritual baths 43. BEYS-OYLEMS cimetières/cemeteries/בתי קברות 44. se sont amusés/had fun/נהנו 45 parc Contades 46. FARKI'SHEFT ensorcelés/bewitched/מכושפים 47. דרײַ ייִדישע טענץ 48. dîner/dinner/ארוחת ערב 49. Polina Belilovsky 50. ... SOF à la fin/in the end/לבסוף 51. "I Will Survive!" 52. dit au revoir/said goodbye/נפרדנו 53. épuisés/exhausted/תשושים.

# וואַקאַציעס

איצט אַז אַלע זײַנען שוין צוריק פֿון די וואַקאַציעס האָבן מיר געוואָלט מאַכן אַ בילאַנץ[1], זען אין וואָס עס באַשטייען[2] גוטע, געלונגענע[3] וואַקאַציעס. וואָס זײַנען די וויכטיקע פֿראַגעס וואָס מע דאַרף זיך שטעלן איידער[4] מע פֿאָרט אַרויס אין דער גרויסער וועלט אַרײַן : **וווּהין** זאָל מען פֿאָרן ? אין דער פֿרעמד[5] ? אין אייגענעם[6] לאַנד ? אין שטאָט צי אין דאָרף[7], אין די בערג צי אויפֿן ברעג ים[8] ? און **ווען** זאָל מען פֿאָרן ? זומער ? ווינטער ? אין דעם הויכן סעזאָן צי ניט ? און **ווי אַזוי** ? ס'איז דאָ אַזוי פֿיל מיטלען[9] – באַן אָדער אויטאָ, אַוויאָן אָדער שיף... און – זייער וויכטיק – **מיט וועמען** צו פֿאָרן ? משפּחה[10] ? פֿרײַנד ? מיט אַן אָרגאַניזירטער גרופּע ?

אָט האָט איר אַ פּאָר ענטפֿערס, פֿונעם קוקווינקל[11] פֿון אַן **אָפּטימיסט** (אויף רויט) און פֿון אַ **פּעסימיסט** (אויף שוואַרץ).

### 1. וווּהין פֿאָרן

אַ שטאָט איז לעבעדיק, אינטערעסאַנט, מיט אַ סך קולטורעלע ערטער צו באַזוכן.

אַ שטאָט איז שמוציק און טומלדיק[12], מיט צו פֿיל מענטשן, אויטאָס און לופֿט־פֿאַרפּעסטיקונג[13].

אויפֿן דאָרף איז שטיל און רויִק און מען געניסט[14] פֿון דער נאַטור.

אויפֿן דאָרף איז צו שטיל און צו רויִק און מע האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן.



די בערג זײַנען הויך, שיין און מאַיעסטעטיש.

די בערג זײַנען הויך, קאַלט און גליטשיק[15] און מע קען ברעכן האַלדז און נאַקן[16].

בײַם ים איז שיין – מע קען שווימען, שיפֿלען זיך[17], און זיך אָפּברוינען[18] אויף דער זון.

אין ים קען מען זיך דערטרינקען[19] און אויף דער זון קען מען כאַפּן אַ ראַק[20].

ס'איז גוט צו בלײַבן אינעם אייגענעם לאַנד – מען ווערט באַקאַנט מיט די אוצרות[21] פֿון לאַנד און ס'איז גוט עקאָנאָמיש פֿאַרן לאַנד.

מע לעבט מיט אייגענע לאַנדסלײַט אַ גאַנץ יאָר – זאָל מען זיי נאָך דאַרפֿן דערטראָגן[22] אין די וואַקאַציעס ?

### 2. ווען פֿאָרן

אין הויכן סעזאָן איז ווונדערבאַר : אַלץ איז אָפֿן און מע געניסט פֿון אַלע אַקטיוויטעטן – ספּאָרט, קולטור...

אין הויכן סעזאָן ווערט מען משוגע[23] : ס'איז אָנגעפּאַקט[24] אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ[25] און עס קאָסט צען מאָל טײַערער ווי אַ גאַנץ יאָר.

אויב מע קען פֿאָרן נישט אין סעזאָן איז פּרעכטיק[26] : ס'איז דאָ ווייניקער מענטשן און אַלץ איז ביליקער.

די וואַקאַציע־ערטער זײַנען טויט – אַלץ איז פֿאַרמאַכט, ס'איז צו קאַלט צו שווימען, אָדער צו הייס זיך צו נאַרטלען[27] ...

### 3. ווי אַזוי פֿאָרן

דאָס גיכסטע איז מיטן אַוויאָן : אין עטלעכע שעה[28] ביסטו אויף יענער זײַט וועלט !

אין אַן אַוויאָן איז דאָס עסן שרעקלעך, די זיצערטער[29] אומבאַקוועם[30], און ס'איז גענוג אַ קלייגער אַקצידענט אַז מע זאָל זיך געפֿינען נישט אויף יענער זײַט וועלט, נאָר אויף יענער וועלט[31] !

די באַן איז גיך און באַקוועם. אויף אַ רײַזע אין אייראָפּע איז עס פּערפֿעקט.

די באַן איז שוין געוואָרן אַזוי טײַער ווי דער אַוויאָן.

מיט אַן אייגענעם אויטאָ איז מען אין גאַנצן פֿרײַ – מען פֿאָרט ווו מע וויל און אַזוי גיך אָדער פּאַמעלעך[32] ווי מע וויל.

בײַם פּרײַז פֿון בענזין הײַנט צו טאָג איז אוממעגלעך צו מאַכן אַ לאַנגע רײַזע.

אַ שיף־רײַזע – דאָס איז אַ מחיה[33] ! וואָס קען זײַן בעסער ?

אַ שיף־רײַזע ? ביסט משוגע ? האָסט געהערט וועגן דעם „טיטאַניק“ ?

### 4. מיט וועמען

די בעסטע וואַקאַציעס זײַנען צו פֿאָרן אין אַ שיינעם אָרט צו פֿאַרברענגען[34] אַ ווײַלע[35] מיט משפּחה אָדער מיט גוטע פֿרײַנד.

פֿאַרשפּאַרט[36] אַ פּאָר וואָכן מיט פֿרײַנד ? – מע קען שוין ווערן אויס פֿרײַנד[37] ! און מיט משפּחה איז ערגער[38] – וויפֿל מע זאָל זיי פֿײַנט האָבן בלײַבן זיי נאָך אַלץ משפּחה !

מיט אַן אָרגאַניזירטער גרופּע איז אַלץ זייער גרינג : מע דאַרף גאָרנישט צוגרייטן, מען פֿאַרשרײַבט זיך אין דער אַגענטור און מע פֿאָרט.

פֿאַרשפּאַרט אין אַן אויטאָבוס מיט 30 פֿרעמדע מענטשן – דאָס זעט מיר אויס ווי אַ גיהנום[39] !

ווי און ווו און מיט וועמען מע זאָל פֿאָרן איז זייער וויכטיק זיך צו מאַכן אַ פּויזע[40] כאָטש[41] איין מאָל אַ יאָר, ס'איז נייטיק פֿאַרן געזונט און מע קומט צוריק אויסגערוט[42] און אָפּגעפֿרישט און גרייט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט.

ווען מע טראַכט וועגן אַלע צרות[43] וואָס מע קען האָבן אויף וואַקאַציעס איז טאַקע בעסער צו בלײַבן אין דער היים און זיך לייגן שלאָפֿן !

1. bilan/assessment/הערכה 2. consistent/consist/מורכבים 3. réussies/successful/מוצלחים 4. avant que/before/לפני 5. à l'étranger/abroad/לחו"ל 6. son propre/one's own/שלך 7. campagne/country/כפר 8. ... YAM bord de mer/seaside/חוף הים 9. moyens/means/אמצעים 10. MISHPOKHE famille/family 11. point de vue/viewpoint/נקודת מבט 12. bruyant/noisy/רועש 13. pollution/זיהום אוויר 14. profite/enjoy/נהנים 15. glissants/slippery/חלקלקים 16. se casser le cou/break your neck/לשבור את הצוואר 17. faire du bateau/go boating/לשוט בסירה 18. se bronzer/sunbathe/להשתזף 19. se noyer/drown/לטבוע 20. cancer/סרטן 21. OYTSRES trésors/treasures 22. supporter/put up with/לסבול 23. MESHUGE fou/crazy 24. bondé/crowded/עמוס 25. les uns sur les autres/packed together/מלא עד אפס מקום 26. superbe/marvelous/נהדר 27. skier/ski/לעשות סקי 28. ... SHO quelques heures/a few hours/תוך שעות ספורות 29. sièges/seats/מושבים 30. inconfortables/uncomfortable/לא נוחים 31. dans l'au-delà/in the next world/בעולם הבא 32. lentement/slowly/לאט 33. MEKHAYE un plaisir/a pleasure/תענוג 34. s'amuser/enjoy yourself/לבלות 35. un moment/a while/זמן מה 36. enfermé/locked up/להיות כלוא 37. cesser d'être amis/destroy the friendship/להפסיק להיות חברים 38. pire/worse/גרוע יותר 39. GEHENEM enfer/hell 40. pause/הפסקה 41. au moins/at least/לפחות 42. reposé/rested/רגוע 43. TSORES malheurs/troubles.





# מײַן נסיעה[1] אין צפֿון־פּאָלוס[2]

## פֿון ניקאָל ווײַמאַן[3]



**בילד פֿון ניקאָל ווײַמאַן**

עס איז געווען פֿאַר מיר אַ חלום[4] שוין יאָרן לאַנג : צו פֿאָרן מיט אַ שיף אויפֿן צפֿון־פּאָלוס, אַרומצופֿאָרן צווישן אײַזבערג, צו באַוווּנדערן די ווײַסע בערן, וואַלפֿישן[5], דעלפֿינען[6], און אַלערליי פֿייגל וואָס מע קען זען אין די קאַלטע לענדער.

דאָס יאָר האָבן מיר (מײַן מאַן און איך) באַשלאָסן סוף־כּל־סוף[7] מקיים צו זײַן[8] אונדזער חלום. האָבן מיר באַזוכט שפּיצבערג[9], אַזוי הייסט אַ ריי אינדזלען וואָס געהערן צו נאָרוועגיע. די שיף איז געפֿאָרן בײַ נאַכט און האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ טאָג. בשעת[10] אונדזער נסיעה איז שטענדיק געווען טאָג. דאָס הייסט אַז די זון איז קיין מאָל ניט אונטערגעגאַנגען – זי פֿלעגט זיך אָפּשטעלן אויפֿן ברעג[11] צווישן הימל און ים[12]. מיר פֿלעגן ניט פֿאַרמאַכן די פֿאָרהאַנגען[13]. ווען איך פֿלעג מיך אויפֿוועקן אין מיטן נאַכט, איז דער הימל געווען לויטער[14] און ס'איז געווען ליכטיק. ליגנדיק אין בעט האָב איך געזען די שוואַרצע בערג באַקרוינט מיט אייביקע[15] שנייען.

דאָס פֿאָרן צווישן די אײַזבערג איז נאָר מעגלעך אין זומער, ווען די קריִעס[16] שווימען אַרום און דאָס וואַסער פֿליסט. אַזוי קען די שיף זיך דערנענטערן צום צפֿון־פּאָלוס.

דעם דריטן טאָג האָבן מיר געהערט אַן אויסרוף פֿונעם קאַפּיטאַן : וואַלפֿישן פֿאָרויס ! מיר האָבן תּיכּף[17] גענומען דעם פֿאָטאָ־אַפּאַראַט און געלאָפֿן צום דעק[18]. צוויי וואַלפֿישן האָבן זיך געשפּילט : ווען זיי זענען אַרונטער אין ים, האָבן זיי צעשפּרייט די ווײדלען[19] ווי גוואַלדיקע[20], שוואַרצע שמעטערלינגען[21] איבער די כוואַליעס[22]. דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעבלאָזן זײַלן[23] וואַסער וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווײַסע כמאַרעס[24] פֿון ים צום הימל. ס'איז געווען כּמעט[25] ווי אַן אויסגעטראַכטער באַלעט וואָס האָט אונדז פֿאַרוווּנדערט.

בשעת אונדזער נסיעה האָט אונדז באַגלייט[26] אַ מחנה[27] דעלפֿינען. זיי זענען געשפּרונגען איבער די כוואַליעס, געזונקען אונטערן וואַסער, זיך נאָכגעלאָפֿן און זיך געשפּילט ווי קינדער אין אַ גאָרטן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מאָל צו שפּאַצירן אויף ערטער ווו עס וווינען די ווײַסע בערן. די דאָזיקע ערטער זענען ווי אַ מידבר[28] אָן קיין אײַנוווינער אַחוץ[29] חיות[30].

אַראָפּלאָזן זיך פֿון שיף אין אַ קליין גומען[31] שיפֿעלע איז געווען אַ ביסל אַ „ספּאָרט“ ! נאָך 10–15 מינוט פֿאָרן אינעם שיפֿעלע זענען מיר אָנגעקומען אין אַ געפֿרוירענעם מידבר – אַרום און אַרום שוואַרצע בערג, אייניקע[32] מיט זייערע שנייִקע קרוינען[33]. צווישן שטיינער – פּיצינקע[34] גרעזעלעך און מאָך[35] אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. ס'זענען אויכעט געוואַקסן קליינע בלימעלעך וואָס באַווײַזן זיך נאָר אינעם קורצן פּאָלאַרן זומער.

צום באַדויערן[36] האָבן מיר ניט געזען קיין ווײַסע בערן ! אפֿשר[37] איז דאָס געווען בעסער ווײַל מ'האָט אונדז געזאָגט אַז ווײַסע בערן זענען סכּנהדיקע[38] חיות וואָס לויפֿן שנעל און אַטאַקירן גיך ! אַזוי אַרום זענען מיר צוריקגעקומען קיין פּאַריז געזונט און לעבעדיק !

1. NESIE voyage/trip 2. TSOFN-... Pôle Nord/North Pole/הקוטב הצפוני 3. Nicole Wajeman 4. KHOLEM rêve/dream 5. baleines/whales/לויתנים 6. dauphins/dolphins/דולפינים 7. SOFKL-SOF finalement/finally 8. MEKAYEM ... réaliser/realize/להגשים 9. Spitzberg/Spitsbergen/שפיצברגן 10. BESHA'S pendant/during/בזמן 11. bord/edge/גבול 12. YAM mer/sea 13. rideaux/curtains/ווילונות 14. clair/clear/בהיר 15. éternels/eternal/נצחיים 16. bancs de glace/ice floes/קרח צף 17. TEYKEF tout de suite/instantly 18. pont/deck/סיפון 19. queues/tails/זנבים 20. énormes/huge/עצומים 21. papillons/butterflies/פרפרים 22. vagues/waves/גלים 23. colonnes/columns/עמודים 24. nuages/clouds/עננים 25. KIMA'T presque/almost 26. accompagné/escorted/לִיוָּה 27. MAKHNE groupe/band/להקה 28. MIDBER désert 29. AKHU'TS sauf/except/מלבד 30. KHAYES animaux/animals 31. en caoutchouc/rubber/מגומי 32. certains/some/אחדים 33. couronnes de neige/snowy crowns/כתרים מושלגים 34. minuscules/tiny/קטנטנים 35. mousse/moss/אזוב 36. malheureusement/unfortunately/למרבה הצער 37. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 38. SAKO'NEDIKE dangereux/dangerous/מסוכנים.

# דאַניעל װײַסבערג[1] – צום אָנדענק[2]

דאַניעל װײַסבערג, װאָס איז געשטאָרבן אין סעפּטעמבער אין עלטער פֿון 65 יאָר, איז געװען אַן אָפּטע אַרײַנגייערין צו אונדז אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער. נאָר זעלטן װער[3] האָט געקענט איר אמתן[4] נאָמען : אַליין פֿלעגט זי זיך פֿאָרשטעלן װי „דאַניעל־דער־פּאַיאַץ"[5], און צװישן ייִדישיסטן האָט זי געהייסן „גיטעלע די בדחנטע"[6]. זי פֿלעגט אַלע מאָל טראָגן מיט זיך אַ רױטע רונדע פּאַיאַץ־נאָז, צוגעבונדן צו אַ שטריקל ; און װען נאָר[7] זי האָט געזען אַ טרױעריק פּנים[8], צי גלאַט עמעצן װאָס זי האָט געװאָלט פֿאַרװײַלן[9] – אַ שטייגער[10] אַ קינד – פֿלעגט זי אָנטאָן די נאָז און מיט אַ מאָל װערן אַ פּאַיאַץ פֿון פּאַיאַצן־לאַנד[11].

דאָס ערשטע מאָל װאָס זי איז געקומען אין צענטער האָט זי גלײַך געזאָגט אַז זי פֿילט זיך װי זי װאָלט װידער געפֿונען אַ היים, װוּ זי קען זיך פֿון ס'נײַ באַקענען מיט ייִדיש. די שפּראַך האָט זי געהערט אין די קינדער־יאָרן, אָבער אַ לאַנגע צײַט נישט געברענגט אויף די ליפּן. צו ערשט האָט זי אָנגעהױבן זינגען אינעם כאָר[12] „טשיריבים", און דאָרטן זיך אַרײַנגעטונקען[13] אין דער מוזיק פֿון דער שפּראַך. די מוזיק דערמעגלעכט[14] טאַקע אַ סך מענטשן צוריקצוגעפֿינען דעם װעג צו ייִדיש, װאָס איז נישט זעלטן פֿאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע און אַ מאָל אויך שװערע זכרונות[15] און געפֿילן. דאַניעל האָט זייער ליב געהאַט דעם כאָר, װאָס װערט אָנגעפֿירט דורך שורע ליפּאָװסקי מיט אַ סך טאַלאַנט און שפּירעװדיקייט[16]. נאָך אַ געװיסער צײַט האָט זי געפֿילט אַז זי איז גרייט זיך צו פֿאַרנעמען אויך מיט דער שפּראַך גופֿא[17], און גענומען גיין אויף פֿאַרשיידענע לעקציעס װי למשל[18] דער שמועס־װאַרשטאַט[19] „ייִדיש אויף דער צונג", װאָס זי פֿלעגט באַלעבן[20] מיט איר אַקטיאָרישן טאַלאַנט. דעם אָ טאַלאַנט פֿלעגט זי אויך אויסניצן אינעם טעאַטער־װאַרשטאַט. זי איז אויך געװאָרן אַ פֿרײַװיליקע[21] אין צענטער און האָט דאָ אַ סך צוגעהאָלפֿן.

דאַניעל האָט געפֿירט אַ פֿול און רײַך לעבן, נאָר זי איז געװען גאָר באַשיידן[22] און זעלטן עפּעס דערציילט װעגן אירע דערגרייכונגען[23]. זי פֿלעגט דערציילן דער עיקר[24] קאָמישע מעשׂיות[25] און חנעװדיקע[26] אַנעקדאָטן װעגן איר קינדהייט און די טאַטע־מאַמע. זי איז געװען זייער אַ געבילדעטע פֿרױ און האָט זיך תּמיד[27] פֿאַרנומען מיט שפּראַך און ליטעראַטור. װי אַ לערערקע פֿון לאַטײַן און אַלט גריכיש[28] האָט זי אויך אינספּירירט אירע יונגע תּלמידים[29] זיך צו אינטערעסירן אין די אוצרות[30] פֿון דער קלאַסישער קולטור. װען זי איז אַרױס אויף פּענסיע האָט זי באַשלאָסן צו װערן אַן אַקטריסע און דעמאָלט אויך זיך געגעבן דעם צונאָמען[31] „דאַניעל־דער־פּאַיאַץ".

איר לװיה[32] איז געװען אַ רירנדיקע[33] אָבער נישט אין גאַנצן אַן אומעטיקע צערעמאָניע. די פֿאַרבײַגייערס האָבן זיך נײַגעריק[34] אומגעקערט הערנדיק לידער װאָס מע הערט ניט אָפֿט אויף בית־עולמס[35] : ייִדישע לידער װי „לייג דײַן קאָפּ אויף מײַנע קני" פֿון ה. לייװיק אָדער פֿראַנצייזישע, װי Comme de bien entendu, אַ פּאָפּולער ליד פֿון 1939, געזונגען דורך אַ סך שטימען און באַגלייט פֿון פֿאַרשיידענע אינסטרומענטן, װי אַקאָרדעאָן און פֿידל. עטלעכע מענטשן פֿון גאָר פֿאַרשיידענע סבֿיבֿות[36] האָבן גענומען אַ װאָרט זיך צו טיילן[37] מיט זייערע דערמאָנונגען װעגן דאַניעלן. אַזױ אַרום האָט מען זיך געקענט דערװיסן אינטערעסאַנטע פּרטים[38] װעגן איר לעבן, װי צום בײַשפּיל אַז זי האָט געבאָרגט[39] איר שטים איינעם פֿון די פּערסאָנאַזשן פֿון דער פּאָפּולערער פֿראַנצייזישער אַנימאַציע־סעריע װאָס מע װײַזט אויפֿן „אַרטע"־קאַנאַל, Silex in the city.

איר פֿאַרלוסט[40] איז אַ גרױסער און לאָזט זיך שפּירן[41] אין אַ סך קליינע מאָמענטן אין לעבן פֿון אונדזער צענטער : װען דער כאָר טרעפֿט זיך צונױף און זי איז נישטאָ, װען מע זעט איר ליידיקע שטול אין אונדזער שמועס־װאַרשטאַט, און װען מע טרינקט סתּם[42] אַזױ אַ גלעזעלע טיי מיט די חבֿרים[43] און דערמאָנט זיך אין אַ טשיקאַװען[44] אַנעקדאָט מיט איר. נאָר מיר טרייסטן זיך[45] מיט דעם אַז זי איז אַרײַן אין אונדזערע הערצער, און דאָרטן װעט זי אויך בלײַבן ! זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן[46].







1. Danielle Vaisberg 2. à sa mémoire/In memoriam/לזכרה 3. peu de gens/few people/מעט אנשים 4. E'MESN vrai/real/אמיתי 5. Danielle-le-clown/Danielle the Clown/דניאל הליצנית 6. BA'DKHNTE clown (fém.)/בדחנית 7. dès que/whenever/בכל עת 8. PONEM visage/face 9. amuser/cheer up/לשעשע 10. par exemple/for example/למשל 11. un clown authentique/a veritable clown/ליצן שבליצנים 12. chorale/choral group/מקהלה 13. se immergée/immersed/השקיעה את עצמה 14. permet/enables/מאפשר 15. ZIKHROYNES souvenirs/memories 16. sensibilité/sensitivity/רגישות 17. GUFE en soi/itself/עצמה 18. LEMOSHL par exemple/for example 19. atelier de conversation/conversation workshop/סדנת שיחה 20. animer/enliven/לרענן 21. bénévole/volunteer/מתנדבת 22. modeste/modest/צנועה 23. accomplissements/accomplishments/הישגים 24. … IKER surtout/mainly/בעיקר 25. MAYSES histoires/stories 26. KHE'YNEVDIKE plaisants/pleasant/חביבים 27. TOMID toujours/always 28. grec ancien/ancient Greek/יוונית עתיקה 29. TALMIDIM élèves/pupils 30. OYTSRES trésors/treasures 31. surnom/nickname/כינוי 32. LEVAYE obsèques/funeral 33. émouvant/moving/נוגע ללב 34. par curiosité/curously/בסקרנות 35. BEYS-OYLEMS cimetières/cemeteries/בתי קברות 36. SVIVES milieux 37. partager/share/לשתף 38. PROTIM détails, *sing*. פרט PRAT 39. prêté/lent/השאילה 40. perte/loss/אובדן 41. est ressenti/is felt/מורגש 42. STAM sans raison spéciale/just like that 43. KHAVEYRIM amis/friends, *sing*. חבֿר KHAVER 44. curieux/curious/משעשע 45. on se console/console ourselves/מתנחמים 46. … GAN-EYDN paix à son âme/may she rest in peace/תנוח על משכבה בשלום

אַרום אַ װאָרט

# רעכטס – לינקס



הײַנט איז אונדזער רובריק[1] „אַרום אַ װאָרט" געװאָרן „אַרום צװיי װערטער". װען מע קוקט אַרײַן אין דעם פּאָרל[2] פּשוטע[3] װערטער **רעכטס–לינקס**, זעט מען אַז זיי האָבן אַ סך באַטײַטן[4] און אָפּקלאַנגען[5] װאָס זײַנען װײַט פֿון זייער גרונדבאַטײַט פֿון ריכטונג[6]. נישט נאָר אין ייִדיש, נאָר אין אַ סך אַנדערע שפּראַכן האָט **רעכטס** באַקומען אַ זינען פֿון גוטס און **לינקס** פֿון שלעכטס.

לאָמיר זען אַ פּאָר בײַשפּילן :

**האָבן רעכט (אָדער זײַן גערעכט)**[7] מיינט ניט האָבן קיין טעות[8].

**האָבן דאָס רעכט צו** טאָן עפּעס מיינט אַז מע מעג דאָס טאָן : צום בײַשפּיל, שטימען[9], רעדן פֿרײַ, שרײַבן אָן צענזור[10], דינען (אָדער נישט דינען) גאָט[11] װי מע װיל. אָט די רעכט זײַנען די סימנים[12] פֿון אַ פֿרײַער געזעלשאַפֿט[13].

**מענטשנרעכט**[14], **פֿרויענרעכט, מינדערהייט**[15]**־רעכט, גלײַכבאַרעכטיקונג**[16] זײַנען פֿאַר אַלעמען די גרויסע קאַמפֿן פֿון מאָדערנע צײַטן.

אַ **רעכטער** אָדער אַ **רעכטפֿאַרטיקער** מענטש איז אַ װוילער[17] און אַן ערלעכער[18].

**אין דער רעכטער צײַט** מיינט פּונקט[19] װען מע דאַרף – נישט צו פֿרי און נישט צו שפּעט.

זאָגן עמעצן „**מיט דעם רעכטן פֿוס**" איז אַזױ װי װינטשן אים „זאָל זײַן מיט מזל[20]".

**דאָס רעכטע געדיכטע**[21] (אָדער, װי מע הערט עס אין דער פּאָפּולערער שפּראַך, **ס'רעכטע געדעכטע**) מיינט דאָס װיכטיקסטע, דאָס שענסטע און בעסטע.

מיט **לינקס** איז פּונקט פֿאַרקערט.

זי האָט **צװיי לינקע הענט** מיינט : זי איז אַן אומגעלומפּערטע[22].

ער האָט **צװיי לינקע פֿיס** מיינט, געװיינטלעך, אַז ער קען ניט טאַנצן. אין עקסטרעמע פֿאַלן[23] מיינט עס אַז ער קען אַפֿילו[24] ניט גיין !



**די לינקע זײַט** (פֿון אַ בגד[25], אַ געװעב[26]) איז די אונטערשטע זײַט, די נישט שיינע.

**אויפֿשטיין אויף דער לינקער זײַט** מיינט אַז מע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט[27] אין אַ שלעכטער שטימונג[28] און מע בלײַבט בייז און אומצופֿרידן אַ גאַנצן טאָג.

**אַ לינקע ליבע** איז אַן אומלעגאַלע, אַ פֿאַרװערטע[29].

**לינקע סחורה**[30] איז אומלעגאַל, נישט כּשר[31].

װען מע שלינגט אַראָפּ קרום[32] און דאָס עסן בלײַבט שטעקן, זאָגט מען **ס'איז אַרײַן אין דער לינקער קעל**[33].

װען אַ מענטש (צי אַ זאַך) גייט דיר נישט אָן[34], אינטערעסירט דיך אין גאַנצן נישט, ס'איז דיר נישט װערט קיין שמעק טאַביק[35], קענסטו זאָגן **עס ליגט מיר אין דער לינקער פּאה**[36]. און אויב דו װילסט עס מאַכן אַ ביסל נידעריקער, מעגסטו זאָגן : **עס ליגט מיר אין דער לינקער פּיאַטע**[37].

װען אַ זאַך (צי אַ מענטש, צי אַן אידעע...) זעט דיר אויס אין גאַנצן שלעכט, אמת[38] נישט צו פֿאַרטראָגן[39], קענסטו זאָגן „עס האָט **אַ פּנים**[40] װי מײַנע **צרות**[41] **אויף דער לינקער זײַט**". אַ שטאַרקער אויסדרוק און אַ קלאָרער !



אין פּאָליטיק איז די מעשׂה[42] אַ ביסל קאָמפּליצירטער – װאָס יעדער איינער האַלט פֿאַר גוט אָדער שלעכט װענדט זיך[43] אין זײַנע פּאָליטישע אידעען. די טערמינען **רעכטס** און **לינקס** האָט מען אָנגעהױבן צו ניצן אין דער צײַט פֿון דער פֿראַנצייזישער רעװאָלוציע, װען די ראַדיקאַלע פּאַרטייען זײַנען געזעסן (גאָר צופֿעליק[44]) אויף דער לינקער זײַט אין דער פֿאַרזאַמלונג[45] און די קאָנסערװאַטיװע פּאַרטייען אויף דער רעכטער זײַט. די װערטער האָבן זיך שפּעטער פֿאַרשפּרייט איבער דער װעלט, כאָטש[46] זייער אינהאַלט קען זײַן שטאַרק אַנדערש אין פֿאַרשיידענע לענדער און צײַטן.

צי װייסט איר אַז אַרום 10 פּראָצענט פֿון דער װעלט־באַפֿעלקערונג[47] איז **לינקהאַנטיק** ? און אַז דער פּראָצענט איז דער זעלבער אין אַלע לענדער און (װי װײַט מע קען װיסן) אין אַלע צײַטן ? איז אָט די מינדערהייט־גרופּע פֿון לינקהאַנטיקע מענטשן – אַחוץ[48] דעם װאָס זיי דאַרפֿן לעבן אין אַ װעלט געמאַכט דורך און פֿאַר **רעכטהאַנטיקע** – האָבן זיי אויך דערצו די עװלה[49] (**אומרעכט**) װאָס אַלץ װאָס איז לינקס האָט אַ טעם[50] פֿון שלעכטס !

אין נאָמען פֿון דער דאָזיקער אונטערגעדריקטער מינאָריטעט װילן מיר מאַכן אַ פּראָטעסט. צוזאַמען מיט אונדזערע לינקהאַנטיקע ברידער (און שװעסטער !), לאָמיר גיין אין קאַמף פֿאַר גלײַכהייט און יושר[51] ! לאָמיר אויפֿהייבן די לינקע פֿויסט[52] און מאַרשירן – לינקס, רעכטס... לינקס, רעכטס...





1. rubrique/column/טור 2. paire/pair/זוג 3. PO'SHETE simples/simple/פשוטים 4. sens/meanings/משמעויות 5. résonances/echoes/הדים 6. direction/כיוון 7. avoir raison/to be right/צודק 8. TOES erreur/mistake 9. voter/vote/לבחור 10. censure/censorship/צנזורה 11. servir Dieu/worship God/לעבוד את אלוהים 12. SIMONIM marques/signs, *sing*. סימן SIMEN 13. société/society/חברה 14. droits de l'homme/human rights/זכויות אדם 15. minorité/minority/מיעוט 16. égalité des droits/equal rights/זכויות שוות 17. bon/good/טוב 18. honnête/honest/ישר 19. exactement/exactly/בדיוק 20. MAZL chance/luck 21. l'essentiel/the main thing/הדבר העיקרי 22. maladroite/clumsy/מגושמת 23. cas/cases/מקרים 24. AFILE même/even 25. BEGED vêtement/garment 26. tissu/cloth/בד 27. s'est réveillé/woke up/התעורר 28. humeur/mood/מצב רוח 29. interdit/forbidden/אסור 30. SKHOYRE marchandise/goods 31. KOSHER cacher 32. avale de travers/swallow the wrong way/מקדימים קנה לוושט 33. gorge/throat/גרון 34. ne t'intéresse pas/doesn't matter to you/לא מעניין אותך 35. ne vaut pas un clou/isn't worth a damn/חסר ערך 36. PEYE papillotte/sidecurl 37. talon, semelle/underside of foot/עקב, סוליה 38. EMES vraiment/really/באמת 39. insupportable/intolerable/בלתי נסבל 40. PONEM visage, apparence/face, appearance/מראה 41. TSORES souffrances/troubles 42. MAYSE histoire, chose/story, thing/העניין 43. dépend de/depends on/תלוי 44. par hasard/by chance/במקרה 45. Assemblée/Assembly/בית המחוקקים 46. bien que/although/למרות ש 47. population/אוכלוסיה 48. AKHU'TS à part/besides/מלבד 49. AVLE injustice 50. TAM goût/*here* overtone/כאן: טעם לוואי 51. YOYSHER justice 52. poing/fist/אגרוף.

# אַ שמועס[1] מיט שרון בר־כּוכבֿא[2], איינע פֿון די איבערזעצער פֿונעם קליינעם ניקאָלאַ

**דער ייִדישער טעם־טעם** : וואָס זײַנען געווען די הויפּט־שוועריקייטן פֿון דער איבערזעצונג ?

**שרון בר־כּוכבֿא** : *דער קליינער ניקאָלאַ* שפּילט זיך אָפּ אין אַ וועלט וואָס מע האָט נאָך קיין מאָל ניט באַשריבן אויף ייִדיש : די פֿראַנצייזישע שול אין די פֿופֿציקער יאָרן, דער גאַנצער דעמאָלטיקער שטייגער לעבן[3], מיט טיפּישע מינהגים[4], מאכלים[5] און אָנטועכץ[6].

**ט׳־ט׳** : אויב אַזוי וואָלט אפֿשר[7] געווען פּשוטער[8] צו „פֿאַרייִדישן" די פּערסאָנאַזשן און די גאַנצע סבֿיבֿה[9] ?

**ש׳ ב׳** : יאָ, אין אָנהייב האָבן מיר, זשיל ראָזיע[10] און איך, זיך טאַקע געוואַקלט[11] און געטראַכט דאָס צו טאָן. ס׳איז אַגבֿ[12] אַ טראַדיציע אין ייִדישע קינדער־ביכער וואָס מע האָט איבערגעזעצט פֿון אַנדערע שפּראַכן. מיר האָבן שוין אַפֿילו[13] צוגעטראַכט אַלע נעמען פֿון די העלדן וואָס זאָלן זײַן ענלעך אין קלאַנג צו די אָריגינעלע נעמען, נאָר ייִדישלעך. דער קליינער ניקאָלאַ צום בײַשפּיל האָט געדאַרפֿט הייסן נח[14]. מיר האָבן אויך געהאַט פֿאַרשיידענע אײַנפֿאַלן ווי צו פֿאַרייִדישן די סבֿיבֿה. נאָר דעמאָלט האָט דער פֿאַרלעגער געזאָגט אַז דער נאָמען „ניקאָלאַ" דאַרף אומבאַדינגט[15] בלײַבן אומגעביטן. האָבן מיר באַשלאָסן אַז עס דאַרף זײַן אויסגעהאַלטן[16] – אויב ניט אין גאַנצן ייִדיש, זאָל שוין בלײַבן אין גאַנצן פֿראַנצייזיש און ניט האַלב־האַלב. האָבן מיר צוריק אַלץ געביטן לויטן פֿראַנצייזישן שטייגער און הײַנט צו טאָג זײַנען מיר צופֿרידן מיט דעם דאָזיקן באַשלוס.

**ט׳־ט׳** : גאָסיני[17] האָט געהאַט אַ ספּעציפֿישן סטיל אויף פֿראַנצייזיש, צי קען מען אים בכלל[18] איבערגעבן אין ייִדיש ?

**ש׳ ב׳** : יאָ, דאָס איז געווען אַ גרויסע שוועריקייט. גאָסיניס שפּראַך אינעם *קליינעם ניקאָלאַ* קען מען אפֿשר פֿאַרגלײַכן מיט שלום־עליכמס[19] שפּראַך אין *מאָטל פּייסע דעם חזנס*[20] (ווו דער נאַראַטאָר איז אויך אַ קינד) אָדער *טבֿיה דער מילכיקער*[21]. ביידע האָבן געשאַפֿן אַ סטיל וואָס גיט אַ רושם[22] פֿון אויטענטישקייט און נאַטירלעכער באַרעדעוודיקייט[23]. דאָס איז גאָר אַ קונציקע[24] אילוזיע, ווײַל אין דער אמתן[25] רעדט ניט קיין קינד אַזוי ווי מאָטל אָדער ווי ניקאָלאַ. מיר האָבן געדאַרפֿט אַ סך אַרבעטן כּדי[26] צו שאַפֿן אַן עקוויוואַלענט פֿון ניקאָלאַס לשון[27] : עס זאָל זײַן אי גענוג „קינדיש", מיט אַ ספּעציפֿישער קינדערשער מוזיק, אי גלײַכצײַטיק גענוג ליטעראַריש, כּדי אויך דערוואַקסענע זאָלן דערפֿון הנאה האָבן[28], ווי דאָס איז אין פֿאַל פֿון גאָסיניס פֿראַנצייזישע לייענערס.

**ט׳־ט׳** : און ווי האָט איר זיך אַן עצה געגעבן[29] מיט דעם ספּעציפֿישן שול־וואָקאַבולאַר ?

**ש׳ ב׳** : דאָס איז געווען אַ גרויסע אַרבעט, ווײַל קיינער פֿון אונדז האָט ניט גערעדט ייִדיש אין די קינדער־יאָרן. מיר האָבן געניצט פֿאַרשיידענע ווערטערביכער און *דעם אוצר*[30] *פֿון דער ייִדישער שפּראַך* פֿון נחום[31] סטוטשקאָוו. גאָר אַ סך האָט אונדז געהאָלפֿן די משפּחה[32] ניבאָרסקי – דרײַ דורות[33] ייִדיש־רעדער, פֿון באָבע־זיידע ביז די אייניקלעך. יצחק[34] ניבאָרסקי האָט אונדז געגעבן אומצאָליקע עצות[35] און איבערגעלייענט די איבערזעצונג. דאָס האָט ער אונדז געגעבן איינעם פֿון די עקוויוואַלענטן פֿונעם וואָרט chouette וואָס קומט פֿאָר זייער אָפֿט אינעם בוך : ער האָט זיך דערמאָנט אַז אין בוענאָס־אײַרעס, וווּ ער איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ ייִדיש־רעדנדיקער סבֿיבֿה, פֿלעגן זיי ניצן מיט די שול־חבֿרים[36] דעם אויסדרוק „עף־און־פּיף"[37].

**ט׳־ט׳** : מיט וועלכן אײַנפֿאַל זײַט איר באַזונדערש צופֿרידן ווי איבערזעצערס ?

**ש׳ ב׳** : עס איז אונדז געלונגען איבערצוזעצן דעם צונאָמען[38] פֿון איינעם פֿון די העלדן, ער זאָל האָבן פּונקט דעם זעלבן טעם[39] ווי אויף פֿראַנצייזיש. מיר האָבן טאַקע געהאַט מזל[40] וואָס Bouillon – דער אויפֿפּאַסער[41] וואָס מע רופֿט אים אַזוי צוליב דעם וואָס ער זאָגט אַלע מאָל די תּלמידים[42] „קוקט מיר אין די אויגן אַרײַן" לאָזט זיך איבערזעצן אויף ייִדיש מיט זײַן עקוויוואַלענט „ראָסל"[43], וווּ עס זענען אויך דאָ אויגן[44] !

**ט׳־ט׳** : אַ שיינעם דאַנק, עס בלײַבט אונדז נאָר צו עצהנען[45] אַלע לייענערס, זיי זאָלן לויפֿן אין דער נאָענטסטער ביכערקראָם און קויפֿן דאָס בוך (אָדער עס באַשטעלן אויף אינטערנעץ), ווײַל ס׳איז טאַקע כּדאַי[46] צו לייענען – אויף ייִדיש !



1. conversation/שיחה 2. Sharon Bar-Kochva 3. mode de vie de cette époque/life style of that time/סגנון החיים בתקופה ההיא 4. MINHOGIM coutumes/customs 5. MAYKhOLIM mets/dishes 6. vêtements/clothing/בגדים 7. EFShER peut-être/maybe/אולי 8. PO'ShETER plus facile/easier/פשוט יותר 9. SVIVE milieu 10. Gilles Rozier 11. hésité/hesitated/היססנו 12. AGEV d'ailleurs/in fact 13. AFILE même/even 14. NOYEKh Noé/Noah 15. absolument/absolutely/ויהי מה 16. cohérent/עקבי 17. René Goscinny 18. BIKhLA'L est-ce seulement possible ?/is it even possible? 19. ShOLEM-ALEYKhEMS de/of/של Sholem-Aleykhem 20. ... KhAZNS *Motl, fils du chantre Peyse/Motl the Cantor Peyse's Son*/מוטל בן פייסי החזן 21. TEVYE ... *Tevye le laitier/Tevye the Dairyman*/טוביה החולב 22. ROYShEM impression 23. loquacité/talkativeness/דברנות 24. ingénieux/clever/מתוחכם 25. ... E'MESN en réalité/in fact/למעשה 26. KEDE'Y afin de/so that 27. LOShN langue/language 28. HANOE ... prennent plaisir/enjoy it 29. EYTSE ... débrouillé/manage/הסתדרתם 30. OYTSER Thesaurus/תזאורוס 31. NOKhEM 32. MIShPOKhE famille/family 33. DOYRES générations, *sing.* דור DOR 34. YITSKhOK 35. ... EYTSES innombrables conseils/no end of advice/עצות רבות מספור 36. KhAVEYRIM amis/friends 37. chouette/super, cool/מעולה, מגניב (סלנג) 38. surnom/nickname/כינוי 39. TAM saveur/flavor 40. MAZL chance 41. surveillant/person in charge of discipline/אחראי משמעת 42. TALMIDIM élèves/pupils 43. bouillon/broth/מרק בשר 44. *the circles of fat floating on the broth are called* eyes *in French and Yiddish*/*עיגולי השומן הצפים במרק נקראים* עיניים *גם בצרפתית וגם ביידיש* 45. E'YTSENEN recommander/recommend/להמליץ 46. KEDA'Y cela vaut la peine/it's worthwhile.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס